דו האָסט אַ בּייזן גייסט; ווער זוכט דיך צו טייטן?
21 האָט ישוע געענטפֿערט און געזאָגט צו זיי: איין
זאַך האָב איך געטון, און איר אַלע וואונדערט
22 זיך. משה האָט אייך געגעבן די מילה—נישט
דאָס זי איז פֿון משהן, נאָר פֿון די אבות—און איר
23 זענט מל אַ מענטשן אין שבת. אויב דער מענטש
ווערט געמלט אין שבת, כּדי מען זאָל נישט עובר
זיין אויף תורת משה, זענט איר צאָרנדיק אויף מיר,
ווייל איך האָב אַ גאַנצן מענטשן געזונט געמאַכט
24 אין שבת? משפּט נישט לויט דעם אויסערלעכן
שיין, נאָר אַ גערעכט משפּט זאָלט איר משפּטן.
25 אייניקע פֿון די לייט פֿון ירושלים האָבן דעריבער
געזאָגט: צי איז ער דען נישט דער, וועמען
26 מען זוכט צו טייטן? און זע, ער רעדט בּפרהסיא,
און מען זאָגט אים גאָרנישט. קען עס זיין, אַז
אונזערע שׂרים ווייסן בּאמת, אַז ער איז דער
27 משיח? מיר קענען דאָך דעם דאָזיקן, פֿונוואַנען
ער איז: אָבער ווען דער משיח וועט קומען,
ווייסט קיינער נישט פֿונוואַנען ער איז. ישוע
28 האָט דעריבער אויסגעשריגן אינעם בּית המקדש,
בּשעת ער האָט געלערנט, און געזאָגט: איר קענט
מיך, און איר ווייסט, פֿונוואַנען איך בּין; און פֿון
מיר אַליין בּין איך נישט געקומען; נאָר וואָרהאַפֿטיק
איז דער, וואָס האָט מיך געשיקט, וועמען איר
29 קענט נישט. איך קען אים, ווייל איך בּין פֿון אים;
30 און ער האָט מיך געשיקט. זיי האָבן דעריבער
געזוכט אים צו כאַפּן; און קיינער האָט נישט אַרויפֿ־
געלייגט אויף אים די האַנט, ווייל זיין שעה איז
31 נאָך נישט געקומען. און אַ סך פֿון דעם המון
מענטשן האָבן געגלויבּט אין אים, און געזאָגט:
ווען משיח וועט קומען, צי וועט ער דען